**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/17/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט נייע אונטערנעמונג צו ארויפברענגען מער סקול באס דרייווערס אויף די שאסייען**

***DMV נעמט אן "אונטער די הוד" אויסנאם פאר קאמערשיעל דרייווער'ס לייסענס ראוד טעסט***

***ערלויבט נייע באס דרייווערס צו נעמען ראוד טעסט אן די חלק פון אונטערזוכן די מאטאר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א פלאן צו אוועקנעמען שטרויכלונגען וואס שטייען אין וועג פון צוקונפטיגע סקול באס דרייווער וואס אפלייען פאר א קאמערשיעל דרייווער'ס לייסענס. אונטער די גאווערנער'ס פאראָרדנונג האט די DMV איינגעפירט א פעדעראלע וועיווער (וויתור) וואס ערלויבט סקול באס דרייווער אפליקאנטן צו אויסלאזן די חלק פון אונטערזוכן די מאטאר, אויך גערופן די "אונטער די הוד" חלק פון די ראוד טעסט פאר קאמערשיעל דרייווער'ס לייסענס. דאס וועט דאס גרינגער מאכן צו באקומען א קאמערשיעל לייסענס אין א צייט ווען סקול באס דרייווערס זענען גאר נויטיג, און עס איז די לעצטע אין א סעריע שריט פאראָרדנט דורך גאווערנער האקול צו אדרעסירן די קריטישע מאנגל אין טראק און באס דרייווערס.

"די דזשאב פון טראנספארטירן און זיך אפגעבן מיט אונזערע קינדער איז אזוי וויכטיג, און די נויט פאר מער דרייווערס אריבער ניו יארק סטעיט איז זייער עכט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די איינפאכע ענדערונג וועט מוטיגן מער ניו יארקער צו ווערן סקול באס דרייווערס — א געלעגנהייט פאר אזויפיל מענטשן צו האבן א פאזיטיווע השפעה און העלפן שטיצן אונזערע שילער, אן מוותר זיין אויף זיכערהייט."

**DMV קאמישאנער מארק דזש. פ. שרעידער האט געזאגט,** "באס דרייווערס זענען אזא וויכטיגע טייל פון אונזער סקול סיסטעם. נישט נאר האבן זיי די געוואלדיג-גרויסע אחריות צו ברענגען אונזערע קינדער צו און פון סקול זיכערערהייט, נאר זיי זענען אפטמאל די ערשטע פריינטליכע פנים וואס א שילער זעהט איינדרויסן פון זייער פאמיליע אזוי ווי זיי הייבן אן זייער טאג. ניו יארק סטעיט שעצט און איז דאנקבאר פאר אונזערע סקול באס דרייווערס און האפט אז די טריט וועט העלפן מער מענטשן צו קוואליפיצירן צו נעמען די דזשאבס און צו העלפן אויספארעמען די צוקונפט פון ניו יארק'ס קינדער."

**קאנגרעסמאן דזשאָו מארעלי האט געזאגט,** "עס איז קריטיש אז מיר זאלן אדרעסירן די מאנגל אין סקול באס דרייווערס צו זיכער מאכן אז מיר קענען זיכערערהייט טראנספארטירן אונזערע קינדער צו סקול. דאס איז די סיבה פארוואס איך האב געארבעט פון די נאענט מיט פעדעראלע שותפים ביי די פעדעראלע מאטאר קעריער זיכערהייט אדמיניסטראציע צו ערפאלגרייך גיבן א וועיווער צו ערלויבן מער מענטשן צו אפלייען פאר באס דרייווער פאסטנס, און איך בין באגייסטערט צו זעהן ניו יארק אויסנוצנדיג די מיטלען. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר שותפות, און איך אפלאדיר די באשלוס

וואס וועט פארגרינגערן די לאסט אויף אונזערע קאמיוניטיס, גיבן פאר עלטערן די גאר-נויטיגע רואיגע געוויסן און שטיצן אונזערע שילער."

די "אונטער די הויד" אויסנאם איז ערלויבט דורך די פעדעראלע מאטאר קעריער זיכערהייט אדמיניסטראציע (Federal Motor Carrier Safety Administration, FMCSA) כדי צו העלפן סטעיטס צו אויפנעמען מער באס דרייווערס און מוותר זיין אויף זיכערהייט, אזוי ווי עקזיסטירנדע סקול באס אינספעקציע און אויפהאלטונג סטאנדארטן גייען ווייטער אן. דורכאויס די ראוד טעסט זענען אפליקאנטן נאכאלץ געפאדערט צו דורכפירן די אנדערע עלעמענטן פון די קאמערשיעל דרייווער'ס לייסענס (Commercial Driver License, CDL) ווייקל אינספעקציע סקילס טעסט. די נייע CDL קלאסיפיקאציע וואס איז באשטימט צו אפלויפן אין נאוועמבער 27, 2024, וועט באגרעניצן לייסענס האלטער צו דרייוון נאר סקול באסעס און נאר אין ניו יארק סטעיט.

די שריט וואס אינטערעסירטע ניו יארקער זאלן אונטערנעמען צו באקומען א CDL נאר פאר א סקול באס זענען ווי פאלגנד:

- ערשטנס מוזט איר האבן א ניו יארק סטעיט דרייווער'ס לייסענס (קלאס D, קלאס E אדער נאָן-C CDL);
- שטודירט די ניו יארק סטעיט קאמערשיעל דרייווער'ס אנווייזונג ביכל;
- אפלייט פאר א קאמערשיעל לערנער פערמיט (commercial learner permit, CLP) ביי א DMV אפיס. איר מוזט אריבערגיין א געשריבענע קענטעניס פארהער צו באקומען א CDL פערמיט מיט די 'ענדאָרסמענטס' וואס ערלויבן צו דרייוון סקול באסעס און פאסאנזשירן;
- באשטימט טרענירונגען פאר אנהויבנדע דרייווערס. לייענט די אנהויבנדע דרייווער טרענירונג (Entry Level Driver Training, ELDT) אפט-געפרעגטע פראגן פאר מער אינפארמאציע;
- גרייט זיך צו פאר אייער ראוד טעסט און פראקטיצירט מיט א סופערווייזינג דרייווער;
- באשטימט אייער "באגרעניצטע סקול באס" ראוד טעסט (דורך די אינטערנעט אדער דורכן רופן די DMV קאנטאקט צענטער);
- גייט אריבער אייער "באגרעניצטע סקול באס" ראוד טעסט;
- גייט צו א DMV אפיס צו ענדערן אייער לייסענס צו ווייזן די "S1" (נאר סקול באס) צו אייער לייסענס און "K" (נאר אין סטעיט) באגרעניצונגען.

אונטער די גאווערנער'ס פאראדנונג האט די DMV אין 2022 אוועקגעשטעלט א פראגראם אויטאריזירנדיג דריטע פארטייען צו דורכפירן קאמערשיעל ראוד טעסטס, און דאס האט באדייטנד פארגרעסערט די קאפאציטעט פאר די סארטן ראוד טעסט אריבער די סטעיט. עס זענען יעצט דא 27 דריטע-פארטיי קערפערשאפטן וואס פירן דורך קאמערשיעל דרייווער'ס לייסענס ראוד טעסטס אריבער די סטעיט. אין צוגאב, דורך קאאפעראציע מיט קאונטי-אנגעפירטע DMV אפיסעס, האט די סטעיט אויך פארמערט די קאפאציטעט פאר געשריבענע קאמערשיעל פערמיט פארהערן אריבער די סטעיט.

לערנט מער איבער וויאזוי צו ווערן א סקול באס דרייווער. לייענט א דעטאלירטע אנווייזונג ביכל צו באקומען א CDL.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן